# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פורים

## פורים

### סעודת ליל פורים

**מיט** די סעודה פון ביינאכט איז מען נישט יוצא, אבער פונדעסטוועגן איז דא א ענין צו מאכן אביסל א גרעסערע סעודה ביינאכט.

**שו"ע ורמ"א ר"ס תרצ"ה**

**דער** בית יוסף שרייבט [סי' תרצ"ה] אז אין די גמרא איז מבואר דעם טעם פארוואס מען איז נישט יוצא מיט די ביינאכט סעודה, ווייל עס שטייט אין פסוק "ימי משתה ושמחה" ('טעג' פון סעודות און פרייד).

**דער** מרדכי [מגילה סי' תשפ"ז] ברענגט פונעם ראבי"ה אז פורים דארף מען פראוון סעודות ביינאכט און בייטאג אזוי ווי שבת, פונקט ווי מען ליינט די מגילה ביינאכט און בייטאג. דער מרדכי פרעגט אבער דערויף פון די גמרא וואס זאגט אז מען קען נישט יוצא זיין דעם חוב מיט די סעודה וואס מען מאכט ביינאכט.

**ענטפערט** דער ב"ח [תרצ"ה ס"ג] אז די חשוב'ע סעודה מיט מערערע עסנווארג מאכט מען טאקע בייטאג, אבער אויך ביינאכט מוז מען מאכן א סעודה פונקט ווי שבת, נאר דער כבוד פון בייטאג איז מער ווי דער כבוד פון ביינאכט. דער ב"ח פירט אויס אז אזוי איז איינגעפירט אז מען גרייט צום טיש און מען פארמערט אביסל מיט עסנווארג ביי די ביינאכט סעודה.

**דער** מקור חיים [פונעם חוות יאיר, סי' תרצ"ה] שרייבט א רמז דערויף, ווייל עס שטייט אין פסוק "את יום ארבעה עשר" וגו', די ווארט "את" קומט פארמערן די נאכט פון י"ד אדר.

**אסאך** האבן דעם מנהג נישט צו עסן קיין פליישיגע סעודה י"ד ביינאכט, (ווען מען ליינט די מגילה), דאס איז כדי מען זאל זיך נישט טועה זיין צו זאגן אז מען איז שוין יוצא די סעודה ביינאכט [ב"י או"ח סי' תרצ"ה ובמג"א סק"ו בשם השל"ה]. און טייל עסן יא פלייש ביינאכט [ד"מ סי' תרצ"ה סק"ג, ופרמ"ג א"א סק"ו], יעדער פלאץ און זיין מנהג. **שער הציון סי' תרצ"ה סקי"ב**

**דער** טעם פארוואס די חכמים האבן מתקן געווען אז מען איז נישט יוצא מיט די סעודה פון ביינאכט, און פארוואס מען פאסט א טאג בעפאר איז, כדי מען זאל ליינען די מגילה וואס איז אזוי ווי קבלת התורה, ווייל עס שטייט דארט [אסתר ט' כ"ז] קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ אזוי ווי עס שטייט ביי קבלת התורה [שמות כ"ד ז'] נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע דאס אלעס זאל זיין נישט מיט א פולן מאגן, און דערנאך זאל מען זיך פרייען בשמחת פורים, ווי עס שטייט ביי קבלת התורה וַיֶּחֱזוּ אֶת הָאֱלֹקִים און דערנאך וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ. **חתם סופר משפטים**

### סעודת פורים

**עס** איז מצוה פון די חכמים צו פארמערן מיט די סעודה און משתה אין דעם טאג פון פורים און מען זאל טרונקן מער ווי מען איז געוואוינט א גאנץ יאר, און מען זאל אינזין האבן ביי די סעודה לשם מצוה א זכר צום נס וואס איז געמאכט געווארן דורך א משתה. **או"ח סי' תרצ"ה, פמ"ג**

**דער** עיקר פון פורים איז נישט דאס מגילה ליינען נאר די מצוה פון שמחת פורים.

**ראב"ד בהשגות רז"ה מגילה א: מדפי הרי"ף אות א'**

### חשיבות פון סעודת פורים

**די** סעודה פון פורים איז מעין די סעודה פון לעתיד לבוא. **מחשבות חרוץ, בד"ה וזהו**

**ביי** די סעודה פון פורים פלעגט דער זיידע הקדוש מוהרש"ח מקודינוב זצ"ל אלץ זאגן דער

מאמר חז"ל [אבות פ"ג ט"ז] וְהַכֹּל מְתֻקָּן לַסְּעוּדָה, אז דאס מיינט מען די פורים'דיגע סעודה, וואס דורך איר קען מען אלעס פררעכטן און מתקן זיין סיי רוחניות'דיג און סיי גשמיות'דיג.

**אור הנר, אילנא דחיי קוידנוב**

## לערנען פאר די סעודה

**עס** איז ריכטיג צו לערנען איידער מען הייבט אן די סעודה, ווי די גמרא [מגילה ט"ז:] דרשנט אויפן פסוק [אסתר ח' ט"ז] לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה אז אוֹרָה זוּ תּוֹרָה, דערפאר איז א מצוה עוסק צו זיין בתורה איידער מען וואשפט זיך צו די סעודה. און די תורה וועט מגין זיין עס זאל גארנישט געשעהן קיין שלעכטס ביי די סעודה.

**דרכי משה סי' תרצ"ה סק"ג**

## עס העלפט יעדן מענטש צו קענען עסן בקדושה

**די** סעודת פורים איז א מיטל צו ברענגען די קדושת סעודת שבת און יו"ט אין אלע וואכעדיגע סעודות א גאנץ יאר, און עס העלף אז דער מענטש זאל נישט נתגשם ווערן דורך דאס עסן אפילו אין חול לארץ וואס די השפעה קומט אראפ דורך דעם שר (מלאך) פון דעם פאלק, נוצט עס אויך, ווייל דאס גאנצע פורים האט מען מתקן געווען אין חוץ לארץ. **שם משמואל**

## עס איז חשוב ביי השי"ת ווען אידן עסן בקדושה

**עס** איז א מצוה צו עסן און טרונקן פורים צו ווייזן ווי חשוב עס איז אין די אויגן פון השי"ת ווען אידן עסן בקדושה ובטהרה, דאס איז א צייכן אז דער זינד פון עסן ביי אחשורוש'ס סעודה איז זיי איבערגעדרייט געווארן צו זכותים, דורכדעם זענען זיי באפוילן געווארן צו עסן און טרונקן און זיך פרייען מיט א שמחה של מצוה, צו ווייזן אז זייער עסן און טרונקן איז טייער אין די אויגן פון השי"ת צו ווייזן דאס פארקערטע פונעם חטא.

**אזוי** איז אויך געווען די גאנצע נס געווען איבערגעדרייט, ווייל עס וואלט געגוג געווען זיי צו ראטעווען פון טויט, אבער עס האט זיך איבערגעדרייט אינגאנצן און זיי האבן זוכה געווען צו באהערשן די שונאים און זיי אויס'הרג'נען. **וויבאלד** דער גזירה איז צושטאנד געקומען צוליב די עבירה, איז יעצט ווען זיי האבן תשובה געטוהן איז דאס געווארן א זכות, און די מלאכי חבלה וואס זענען באשאפן געווארן פונעם חטא האבן מער נישט געהאט קיין שום חיות, דערפאר האבן זיי אויסגע'הרג'ט אזוי פיל פון זייערע שונאים וועלכע האבן געצויגן זייער חיות פון די משחיתים וואס זענען באשאפן געווארן דורכן זינד. וויבאלד די אידן פון יענעם דור האבן געזען די גרויסקייט פון תשובה מאהבה, האבן זיי אנגענומען די תורה מיטן גאנצן ווילן.

**לויט** דעם וואס מיר זאגן אז דורך דעם זינד וואס זיי האבן הנאה געהאט פון סעודת אחשורוש האבן זיי זוכה געווען צו תשובה מאהבה און געמאכט די טעג פון פורים פאר ימי משתה ושמחה, איז פארענטפערט די קושיא פונעם לבוש און טורי זהב [או"ח סי' תרע"א] פארוואס מען האט נישט באשטימט חנוכה אלס טעג פון משתה ושמחה אזוי ווי פורים, ווייל דאן איז נישט געווען קיין זינד פון עסן און טרונקן, ממילא האבן זיי נישט תשובה געטוהן דערויף, איז נישט שייך געווען צו באשטימען חנוכה פאר ימי משתה ושמחה. **ישמח ישראל פורים עמ' מ"ו:**

## סעודת פורים סגולה לאריכת ימים

**עס** איז א ענין מאריך צו זיין ביי די סעודה, און ווער עס טוט מאריך זיין די סעודה, צו עסן און צו טרונקן ווין אום פורים, וועט מען אים פון הימל דערפילן אלע זיינע פארלאנגן, דאס מיינט "עס איז פורים און יעדער זאל מאריך זיין אין זיין סעודה, וועט מען פון הימל ערפילן זיין פארלאנג מדה כנגד מדה"... מחזור ויטרי

## מען דארף טרונקן ווי א איד

**כ"ק אדמו"ר רבי יוחנן מסטאלין קארלין** זי"ע, האט געזאגט: "אפילו פורים וואס שטייט לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי, דארף מען אויך טרונקן ווי א א יוד, מיר האבן געזען אזעלכע וואס זיי האבן געטרינקען און זיי האבן געזאגט גוטע ווערטער, און ס'איז געווען

אזעלכע וואס זיי האבן זיך אן גיטרונקען און מען האט זיי געדארפט פשוט שלעפן איבער די גאסן.

**ברכת אהרן - משנת רבי יוחנן שיחות קודש עמ' רכ"כ**

## ביים בענטשן פון די פורים סעודה איז אן עת רצון

**דער** טור [או"ח סימן רצ"ב] ברענגט א מדרש אויפן פסוק [תהילים ס"ט י"ג] יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר וּנְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר (די וואס זיצן ביים טויער רעדן פון מיר מיט געשפעט, און זינגעריי האבן זיי געמאכט צו שפעטן פון מיר די וואס טרונקען וויין), און דערנאך שטייט [שם י"ד] וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן (און איך וואס איך קער מיך נישט צו זייער שפעטעריי, בעט איך אז די צייט וואס איך דאווען צו דיר השי"ת זאל זיין א צייט פון באוויליגונג), זאגט דער מדרש אז דוד המלך האט געזאגט צום אויבערשטן, רבונו של עולם, דאס אידישע פאלק איז נישט ווי אנדערע פעלקער פון די וועלט, אנדערע פעלקער ווען זיי טרונקען און ווערן שיכור ווערן זיי ווילד, אבער מיר אידן טראצדעם וואס מיר האבן געטרונקען טוען מיר מתפלל זיין צו דיר. דערפאר זאגן מיר דעם פסוק וַאֲנִי תְפִלָּתִי שבת ביי מנחה.

**שטעלט** זיך דער פרישה פארוואס יום טוב זאגן מיר נישט דעם פסוק, און ער ענטפערט אז שבת זענען מיר מחויב צו טרונקן [ווי רבא זאגט אין פסחים ס"ח ע"ב], אבער יום טוב איז דא א דעה אז מען מוז אינגאנצן נישט מאכן קיין סעודה.

**לויט** דעם קומט אויס אז פורים וואס מען איז מחויב צו טרונקן, איז זיכער אן עֵת רָצוֹן, ווייל מיר זענען מחויב נישט נאר צו טרונקן, נאר אויך צו שיכור'ן, און דאך פירן מיר זיך נישט אויף ווי די אומות העולם.

**כאטשיג** א שיכור טאר נישט דאווענען, אבער מיט ברכת המזון איז א שיכור יא מחויב [ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע סי' קפ"ה ס"ד אז אפילו מען קען נישט רעדן געהעריג, קען מען בענטשן. און דער משנה ברורה שרייבט אז לכתחילה זאל מען טאקע בענטשן איידער מען ווערט גענצליך שיכור, אבער בדיעבד מעג מען בענטשן אפילו מען קען שוין נישט רעדן פאר א קעניג], קען מען זאגן אז די ברכת המזון פון נאך די פורים סעודה איז א געוואלדיגע עת רצון און אלע בקשות וואס מען זאגט דעמאלטס זענען אין די בחינה פון "ואני תפלתי לך ה' עת רצון".

**עיניו של יום פ' נ"ב**

## שושן פורים

**שושן פורים** דארף מען דארף זיין פרייליך און טרונקן ביידע טעג. דאס מיינט, פורים און שושן פורים. **רמ"א סי' תרצ"ה ס"ב**

**דער** לבוש שרייבט אז מען דארף טרונקן און זיין בשמחה ביידע טעג, ווייל עס שטייט אין פסוק "ימי משתה ושמחה" איז משמע ביידע טעג, און מען פירט זיך אויך צו פרייען דער פופצנטער נאכט וואס איז אינצווישן. לבוש סי' תרצ"ה ס"ב

## פארמערן מער ביי די סעודת שושן פורים

**כ"ק אדמו"ר הגה"ק בעל דרכי תשובה זי"ע** האט געזאגט א שיינעם טעם אויף וואס מען פירט זיך מרבה צו זיין ביי די סעודה פון שושן פורים, ווייל דערמיט געט מען אפ די כבוד פאר עיר הקודש ירושלים, וואס דארט איז פורים דער פופצנטער, צו ווייזן אז אונזערע אויגן און דאס הארץ איז געווענדעט דארט צום הייליגן פלאץ, כִּי שָׁם לְבָבֵנוּ שׁוֹאֵף זוֹרֵחַ, און דאס איז אונזער עיקר שמחה אז מיר געדענקן אז מיר וועלן זיך אומקערן קיין ירושלים במהרה בימינו, און בפרט דער עיקר ענין פון מחיית עמלק וועט דעמאלט מקוים ווערן ווי עס שטייט [דברים כ"ה י"ט] וְהָיָה בְּהָנִיחַ ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ מִכָּל אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב בָּאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה לְרִשְׁתָּהּ אז די אידן וועלן האבן מנוחה, וועט זיין תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם, במהרה בימינו אמן. שער יששכר

## שבת פ' פרה

**הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע** פלעגט קידוש מאכן אין די שבתים צווישן פורים און פסח און טועם זיין פון די "המן טאשן" וועלכע זענען געבליבן פון פורים. **תמידים כסדרם דף קמ"ו**

**לכבוד** שבת פרה איז א מנהג מוסיף צו זיין צו די געווענליכע מאכלי שבת, און צולייגן נאך א קוגל לכבוד שבת פרה.